STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04165

# TSVEY KVORIM

Sholem Aleichem

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

שלום ראַבּינאָוויטש.

# צוויי קברים

HEBREW PUBLISHING COMPANY,
83-85-87 Canal Street, New York.
1909.

# צוויא קברים.

## חורבן אין א אידישע פאמיליע.

ערצעהלונג פון שלום ראב—וויטש.

---

### 1.

פאַלינקא איז געווען אין גארטען ווען ראָזאַליע — איהר ברודערס טאָכטער, א מיידיל פון א יאָהר 8 — איז צוגעלאָפען צו איהר און האט זיך צר־לאָזט מיט א דינן קלינגענדיג קול'כען:

— מאַ־טאַנט (מוהמעניא), מאַ־טאַנט! דער זיידע איז געקומען מיט איהם.... מיט איהם.... ניכער, ניכער קומט אין שטוב אריין! אך מאַ־טאַנט!

פאַלינקא האט זיך אפילו קיין ריהר ניט געטהון, זיא איז געזעסען אונטער א בוים, בלאַס און אבגעלאָזט און האט געליינט א בוך. חאָטש איהרע שווארצע אויגען האבען געברענט וויא פייער.

— „ראָזאַליע! האט פאַלינקא אויפגעהויבען דיא אויגען צו איהר און געזאָגט: ראָזאַליע, דוא פאָלגסט מיך ניט? איך לעהרען דיך, אז עס איז שוין צייט דוא זאָלסט ניט מאַכען קיין קינדערישע תנועות, ניט לויפען און שפרינגען. פע! ביזט דאָך שוין א גרויסע....

— אך, מאַ־טאַנט! דער זיידע איז אָבער געקומען, האט ראָזאַליע געענט־פערט, מיט איהם.... מיט דעם נייעם לעהרער.... ער הייסט ראבאָווסקי......

אך, עפּיס אזא.... חי, חי, הי.... אזא גרויסער.... חא, חא, חא!

ראָזאַליע איז געשווינד אנטלאָפען, פאַלינקא האט נאָר א שמייכעל געטהון און האט זיך ווייטער פערטיעפט אין דעם בוך.

פאַלינקא איז געווען א מיידיל פון א יאָהר 16 מיט לאנגע שווארצע האָר, שווארצע גרויסע אויגען, וועלכע פלעגען תמיד זיין פארטראַכט און עפּיס אזוי וויא טרויריג, נאָר ווען זיא האט אויפגעהויבען איהרע שווארצע געדיכטע האלב־קייליכדיגע ברעמען און געגעבען א קוק אויף עמיצי, האט יענער געפיהלט, אז דיא

שטראהלען פון איהר בליק ביערן דורך ביז צום הארץ. אין דעם גלאַנץ פון איה־ע אויגען איז תמיד עפּעס געלעגען פאַרבאָרגען וואס קיינער האט ניט געקענט טרעפען. זיא האט געקענט זיין פרעהליך און לאַכען וויא א קינד, נאָר אין דיא אויגען האט מען ניט דערקענט זיי זאָלען אויך פרעהליך זיין. אז פּאָלינקא איז אלט געוועזען 8 יאָהר איז זיא שוין קיין קינד ניט געווען, זיא איז געוואַקסען א בת־יחידה ביי איהרע עלטערן אין דאָרף, אליין אָהן קליינע קינדער. ווען זיא פלעגט קומען אין שטאָדט אריין מיט איהרע עלטערן און איז זיך צוזאַמענגעקומען מיט איהרע קליינע קוזינעס (שוועסטערקינדער), פלעגט זיא נאָר בעטראַכטען און צוהערען וואס יענע האבען גערעדט און ענטפערן נאָר אויף דעם צעהנטען וואָרט. דיא עלטערן האבען זיא דערפאר גערופען ווילדע. זיי האבען זיא ניט געוואָלט געבען אין קיין פּאַנסיאָן, אָדער אין גימנאַזיע אין שטאָדט, און האבען געהאַלטען בייא זיך אין דאָרף איין אַלטע געבילדעטע דאַמע, וועלכע האט מיט איהר געלערענט און זיא האט טאַקי זעהר גוט געלערנט. צו 14—15 יאָהר האט פּאָלינקע שוין געלייענט ערנסטע ביכער און פלעגט אויסזיצען טאָג וויא נאכט איבער זיי. דיא מוטער איז דערפון ניט זעהר צופרידען געווען, זיא האט ליעב געהאט איהר איינציגע פּאָלינקא אזוי וויא אַלע אונזערע ניט געבילדעטע מאַמעס האבען ליעב זייערע טעכטער, און דער פאטער פלעגט לאַכען און אָפט זאגען וויא אויף חוזק צו מאַכען:

— „מיין טאָכטער וואַקסט אויף א יוריסט אָדער א דאָקטאָר. לעהרען, לעהרען, פּאָלינקאָ, וועסט קענען, וועט זיך געפינען אזעלכער וואס וועט פערשטעהן וואס דוא ביזט. מיר ווייסען ניט, מיר זיינען פון דער אַלטער וועלט, און פערשטעהן ניט דיא אַלע נאַרישקייטען וואס דוא לערנסט.

———

— פּ אָ ל י נ ק א, האט איהר דיא מוטער געזאגט, אז זיא איז צוריק גע־קומען פון גאַרטען אין שטוב אריין, דער טאַטע איז געקומען מיט רא.... רב.... ווייס איך וויא אזוי מען רופט איהם, ער געפעלט מיר ניט, ער האט א פנים פון אונזער גלח׳ס זוהן... נאָר דער טאַטע זאגט, אז ער איז א וואוילער... ווייס איך? לאָז זיין א וואוילער, אז ער זאָגט.

— האסט דוא איהם שוין פארהערט? האט פּאָלינקא געפרעגט מיט א שמייכעל און איז צוגעגאנגען צום פאָטער.

— אָ, קום נאָר אַהער מיין יוריסט, האט זיא דער פאטער גענומען בייא דער האנד, איך האב דיר געבראכט ה׳ ראבאָווסקין, היינט וועסט דוא שוין אוודאי אויסלערנען כל התורה כולה און וועסט שוין ווערן א דאָקטאָר.

בייא דעם טיש צו וועלכען משה ליבטינאָוו האט צוגעפיהרט פאָלינקען, איז געזעסען א הויבער און ברייטער יונגער מאן פון א יאהר 20, מיט א גרויסען קאָפּ, מיט לאנגע צורוואָרפענע בלאָנדע האָר מיט א ברונעט פנים. ער האט קוים א שאָקעל געטהון מיט דעם קאָפּ אז פאָלינקא איז צוגעגאנגען צו איהם, ער האט נאָר אויפגעהויבען זיינע גרויסע אויגען אויף איהר, וועלכע האבען בעשטענדיג ווי גע־לאכט פון יעדען.

— אָט דאס איז מיין טאָכטער — האט משה ליבטינאָוו געזאגט — איך בעט אייך, ה׳ ראבאָווסקי, איהר זאָלט פון איהר מאכען א מענש, זיא איז נאך אַ ביסעל ווילד און פרעמד פון דער גאנצער וועלט.

ראבאָווסקי האט אפילו קיין בליק נישט געטהון אויף ליבטינאָוו און אויף זיין טאָכטער.

— איהר דאַרפט איהר געבען צו פערשטעהן, אז מען מעג טאקי זיין גע־בילדעט וויא דיא וועלט און דאבייא זיין א מענש אויך, האט ליבטינאָוו וויטער געזאגט.

ראבאָווסקי איז אויפגעשטאנען פונ׳ם טיש, האט זיך אויסגעלאכט און א וואָרף געטהון מיט דיא לאנגע האָר, דערנאך איז ער צוגעגאנגען צום פענסטער וואו פאָלינקא געשטאנען און האט געקוקט אין גארטען. ער האט זיא גוט בע־טראכט פון קאָפּ ביז דיא פיס מיט זיינע שפעטישע אויגען און האט געזאגט צו משה ליבטינאָוו:

— איך האב פערגעסען אויסצוריידען מיט אייך, הערר ליבטינאָוו, איין פונקט, אז לערנען אייער מאמזעל טאנצען, קאָמפּלימענטע מאכען און נאך אַזעלכע וועלטליכע חכמות קען איך נישט, מען האט דאס מיך אליין נישט געלערנט, דער־פאר זאָלט איהר אויף דיא זאכען נאר נישט ארויסקוקען אויף מיר....

פאָלינקא האט בייא דיא ווערטער אויפגעהויבען איהרע שווארצע גלאנצענדיגע אויגען און האט זייא אנידער געשטעלט אויף ראבאָווסקי׳ן, וועלכער איז געשטאנען קעגען איהר האלב שפעטיש, וויא איין אַלטער מאן קוקט אויף א

נאריש קינד. חנה — אזוי האט מען גערופען פאָלינקעס מוטער — האט פריהער אויפגעמאכט דיא אויגען אויף ראבאָווסקי׳ן, דערנאך אויף פאָלינקען, דערנאך אויף איהר מאַן און איז שוין געווען פארטיג אויסצודראפען דעם לעהרער ביידע אויגען און איהם ארויסטרייבען אויף דער רגע פון דער שטוב, דערפאר וואס ער האט געסמייעט אזוי גראָב צו ענטפערן איהר מאַן און איהר בת יחידה, וועלכע איז, נאך איהר מיינונג, געלערנט מעהר פון אלע לעהרערס אויף דער וועלט. נאָר אן משה׳ס פנים האט זיא פערשטאנען, אז מען דארף אביסעל איינהאלטען דעם כעס אין זיך, האט זיא פארביסען מיט דיא ליפען און האט א הוסט געטהון. עטליכע מינוט איז געווען שטיל, אללע האבען געשוויגען ביז משה ליבטינאָוו האט ווידער אָנגעהויבען רעדען:

— איהר האט א טעות, הערר ראבאָווסקי, מיין טאָכטער איז ניט פון דיא דאָזיגע וואס טאַנצען און שפרינגען, איהר איינציג פערגניגען איז נאָר ביכער און ווידער ביכער....

— ביכער? אזוי? נאָ, האט זיך ראבאָווסקי צוגעזעצט צו פאָלינקען: נאָ, פריילין, געוויס האט איהר שוין דורכגעלעזען גאנץ פאָל־דע־קאָק, דיומא, קסאוויע דע מאָנטעפען און נאך, און נאך?

**חנה** האט פערשטאנען אז ראבאָווסקי האט שוין חרטה געקריגען וואס ער האט אזוי נישט איידעל גערעדט מיט איהר פאָלינקא, דערפאר האט זיא פערפיהרט מיט איהר אזא שמיעס פון ביכער מיט אזעלכע מאָדנע ווערטער. זיא האט איהם שוין מוחל געווען און דער כעס איז איהר פונ׳ם הארץ אָבגעגאנגען. דערפאר האט זיך אָבער פאָלינקא אָנגעצונדען און איז געוואָרען רויט וויא א רויז און האט איהם שטיל געפרעגט:

— פון וואנען נעהמט איהר, אז איך האב געוויס געלייענט פאָל־דע־קאָק מיט נאך אזעלכע ביכער?

— וואס, ניין? נאָ, פערצייהט מיר, האט ראבאָווסקי זיך אויפגעהאפט פון דעם בענקעל און האט זיך מיט א געלעכטער פארנייגט פאר פאָלינקא: פארדאָ, פארדאָן, פריילין.

**משה ליבטינאָוו** האט בעמערקט אז זיין טאָכטער ווערט אלע מאל

רויטער און קוקט אויף ראבאָווסקי'ן מיט בעזע אויגען, איז ער אויפגעשטאַנען, האט געגומען ראבאָווסקין פאר א האנד און האט איהם געזאגט:

— נאָ, איהר וועט האבען גענוג צייט צו רעדען פון אייערע ביכער. איצט קומט וועל איך אריינפיהרען אין אייער צימער.

— „דוא ביזט אלץ דער עלענדער וואס דוא ביזט געווען ביז אהער", האט ראבאָווסקי צו זיך אליין געזאגט, — „דער עווינער איד" פאהר ווייטער, דוא פוסטע לאָדקע אין דעם ברייטען, טיעפען ים. דאס וואסער וועט דיך שוין אליין ברענגען צו א ברעג אָדער צום דנאָ, ווער ווייסט? א טיעבער ווינט האט זיך דערבייא אַרויסגעהאַפט פון זיין הארץ....

## 2.

שלמה ראבאָווסקי איז געווען עלענד, אָהן עלטערן און אָהן פריינד, האט ער זיך געוואלגערט ביז 12 יאָהר אין דער תלמוד אין דער שטאָדט N. ער האט געליטען הונגער און קעלט. דער דאָרטיגער ראבינער פלעגט אָפט אריינקומען אויף א שעה אין דער תלמוד תורה, איהם איז אויפגעפאלען דאס אָרימע יונגעל דורך זיין פעהיגען קאָפּ, האט ער איהם גענומען צו זיך און האט מיט איהם געלערנט רוסיש און דייטש 3 יאָהר כסדר, דערנאָך האט ער איהם אוועקגעשיקט מיט א רעקאָמענדאציע קיין זשיטאָמיר. דאָרט האט ער איבערגעטראָגען דיא גרעסטע נויטה א גאַנץ יאָהר, ביז ער איז איינגעטרעטען אין יודישען לעהרער-אינסטיטוט. שוין אויף דעם צווייטען יאָהר האט מען דערקענט זיין טאלאַנט און פון דעם דריטען קורס האט ער אָנגעהויבען זיך גרייטען צו דער אוניווערזיטעט. מיט דער גרעסטער געדולד האט ער געלערנט לאַטיין און גריכיש און איז אין אינסטיטוט געווען דער בעסטער שילער, און אלע חברים האבען איהם געאַכטעט און געליעבט פאר זיין גוטען כאראקטער. ראבאָווסקי האט געהאט א בעזונדערע פעהיגקייט יעדען זיך צו מאַכען אונטערטהעניג, און דאס וואס אַנדערע האבען דארויף בעדארפט אויסזיצען נעכט, האט ער באלד געגומען מיט דעם שכל הישר אין עטליכע מינוט. ער האט געפיהלט בייא זיך, אז ער שטעהט העכער פון אללע מיט וועלכע ער האט זיך בעגעגענט אין זיין לעבען, דערפאר האט ער אויף יעדען אַראָפּגעקוקט מיט זיינע שפּעטישע אויגען. פון פּרוויענציטער האט ער געהאט גאר

א בעזונדערע מיינונג, אין זיינע אויגען זיינען זייא נאָר פעהיג קינדער צו ניאַנטשען און רכילות צו פיהרען.

3.

עס איז פערגאנגען מעהר וויא א האלב יאָהר, זייט ראבאָווסקי איז שוין גע־וואָרען איין איינענער בייא ליכטינאָוו'ן אין הויז. אלע מענשען האבען איהם ליעב געקריגען, פון גרויס ביז קליין, גאר בעזונדער איז צו איהם צוגעבונדען געוואָרען דער אלטער ליכטינאָוו. ער האט אין איהם דערקענט א זעלטען גוט הארץ מיט איידעלע געפיהלע, א מענשען וואס זוכט נאָר צו שארפען זיין שכל און צו פערגרעסערן זיינע קענטניסע. דיא מענשען פון דעם הויף, אז זייא האבען געזעהן וואס פאר א חשוב דער לעהרער איז ביים בעל־הבית, האבען זייא זיך שטענדיג געלאָזט צו איהם מיט בקשות. אנפאנג האבען זייא גאר מורא געהאט צו איהם צו צוטרעטען; אז זייא האבען אָבער געזעהן אז ער בעהאנדעלט זייא וויא זיינס־גלייכען, האבען זייא אָנ־געהויבען זיך מעהר צו איהם צו צולאָזען. ער אליין פלעגט אָפט געהן צו זייא אין דיא „נאָרים" — אזוי פלעגט ער רופען זייערע קליינע שטיבליך מיט קאמיש גע־דעקט — פלעגט מיט זייא רעדען, שפּעלען מיט זייערע קינדער. „נאראָנים! פלעגט ער צו זייא זאָגען, וואס מאכט איהר אָנשטעלען? איהר האלט מיך פאר א פריץ? איך בין דער זעלבער דיענער וויא איהר, נאָר אין איין אנדערער פעלל. וויא לאנג איז, אז איך בין געגאנגען אין שמאטים און האב געטראָגען „שכוח־מנות" — ער האט זיך גאר ניט געשעהמט זייא צו דערצעהלען זיין ביאָגראפיע. ראבאָווסקי האט פיינד געהאט צו זיצען ליידיג, אז ער האט פאר זיך קיין ארבייט ניט געהאט, האט ער זיך גענומען לערנען מיט דיא קינדער פון דיא אָרימע, וואס האבען ניט געקענט צאָהלען קיין לעהרער. ער האט זיך דערצו גענומען מיט זיין גאנצען כח, מיט דער גרעסטער ענערגיע. ער האט איינגעפיהרט איין ארט שולע אין מאָניקא און האט געלערנט מיט דיא קינדער 1 שעה אלע טאָג. באלד פון אָנהויב האט ער געהאט 16 תלמידים, 6 יודישע און 10 קריסטליכע. ער האט געפועלט בייא פּאָלינקא זיא זאָל אויך געבען א שטונדע, ווייל אין דער שולע האבען זיך געמעלדעט 3 מיידליך. דאס גאנצע געלד וואס ער האט פערדיענט האט ער אויסגעגעבען אויף דער שולע. משה ליכטינאָוו האט אפילו נישט געוואָללט ליידען, אז זיין טאָכטער זאָל געהן לערנען מיט דיא קינדער אין דער שולע, נאָר

ראבאָווסקי האט אזוי לאַנג גערעדט ביז ער האט אויסגעפיהרט זיינס. ביסלעכווייז איז ראבאָווסקי געהנטער געוואָרען מיט פאָלינקען. זיא איז געווען דאס ערשטע פּראָווינציעלער אין וועלבער ער האט דערקענט אזוינע מעלות וואס ער וואָלט דאס קיינמאל נישט געגלויבט; ער האט אָנגעהויבען צו איהר צו האבען גרויס צוטרויען, מיט קיין מענשען אין דער וועלט האט ער אזוי אָפען און פרייא נישט גערעדט ווייא מיט איהר, נישט איין שעה פלעגען זייא אויסזיצען אין דיא שעהנע זומער־נעכט, אין גאָרטען און שמיסען פון ערנסטע זאכען.... דאָך האט ראבאָווסקי זיין פּלאַן וועגען דער אוניווערזיטעט נישט אויפגעגעבען, ער האט פלייסיג געלערנט און האט געהאָפט זומער אוועקצופאָהרען קיין ק.... און אָבגעבען עקזאמען. עס איז אָבער אוועקגעגאנגען איין זומער און דער אַנדערער, עס איז שוין געקומען דער דריטער און ראבאָווסקי איז אַלץ נאָך געזעסען אין מאָניקא. עס איז איהם גאר נישט איינגעפאלען זיך צו פרעגען פאר וואס ער איז נאָך נישט אוועקגעפאָהרען. נישט ראבאָווסקי, נישט פאָלינקא האבען דאריבער נאכגעטראכט, דאס לעבען איז פאר זייא ביידע זעהר אנגענעהם געווען, און מיט זייא איז אין זייערע הערצער געוואקסען א געפיהל וואס זייא האבען גאר נישט פערשטאַנען....דערווייל זיינען זייא געווען צופריעדען און גליקליך....

4

דרייא ליבטיגע גליקליכע יאָהר זיינען שטיל אָהן רעש פאָראיבערגעגאנגען איבער פאָלינקען מיט ראבאָווסקיין. פאָלינקא פלעגט זיך זעהר היימליך פיהלען מ ט איהם; ווען ער פלעגט אמאל אוועקפאָהרען אויף 2—3 טאָג, האט זיא ערשט דעמעלט געפיהלט, אז דיא וועלט איז אָהן איהם פוסטע און פינסטער. דעמעלט פלעגט זיא זיך דערמאָנען אז ער מוז אמאָל אוועקפאָהרען, און אוועקפאָהרען אויף איביג!....

— נאָ וואס איז? פלעגט פאָלינקא זיך אליין פרעגען — ער וועט אוועקפאָהרען? גאר נישט, חלעבען גאר נישט! אמת ער איז טאקי זעהר איין אָרענטליכער, א פיינער מענש, א גוטער, א געבילדעטער, א קלוגער מיט זעהר פיעל מעלות, איך שעץ איהם געוויס זעהר הויך.... אָבער מעהר נישט.... ער וועט געוויס קומען צו זיין ציעל און דיא פרוי גאָס וועט ווערן זיינע, וועט געוויס גליקליך זיין!....

אזעלכע גערדאנקען פלעגען אָפט דורכפליהען בייא פאָלינקען אין קאָפּ, נאָר בייא דעם וואָרט „פרוי" פלעגט זיא פיהלען, אז עס טהוט איהר עפּעס א בריה אין הארץ.... ראבאָווסקי האט אויך נישט איינמאל געקלערט וואס פאר א כח איהם האלט אזוי צוגעבונדען צו ליכטינאָווס הויז, ער האט זיך אליין אָפט פאָרווירפע געמאכט דאריבער און פלעגט קלערן: „דיר איז דאָ גוט, דערפאר געלוסט דיך נישט פון דאנען אוועקצופאָהרען, דיר איז דאָ ליכטיג און ווארם, דוא האסט וואס צו עסען, ביזט פריי, דאריבער ביזט דוא געוואָרען א לעדיג־געהער! דוא פערגעסט נאר אז דוא ביזט א פרעמדער! מע שעצט דיך וויל דוא ביזט ניצליך, און מען צאָהלט דיר דערפאר געלד!... און פאָלינקא?... בייא דעם געדאנקען פלעגט ער בלייבען שטעהן און נישט געהן ווייטער......

משה ליכטינאָוו האט נישט געוואָלט אוועקלאָזען ראבאָווסקי'ן און האט איהם געמאכט פאר סעקרעטאר בייא אַלע זיינע געשעפטען, וועלכע זיינען מיט יעדען טאָג געוואקסען. ליכטינאָוו איז געוועזן א גוטער פאָטער וויא אַלע גוטע טאטעס, ער האט פיעל געזאָרגט פאר זיינע קינדער, און האט זייא געוויס געוואָלט מאכען גליקליך; נאָר ער האט זייא זעהר ווייניג געקענט! עס איז איהם אפילו איינמאל אויף דיא געדאנקען נישט געקומען ער זאָל זיך אמאל אויסריידען מיט זיין טאָכטער און אויסהערען איהר ווילען; ער האט שטענדיג גערעכענט, אז קיינער קען נישט אזוי גוט זיין טאָכטער וויא ער קען זיא, און אז ער איז מחויב זיא גליקליך צו מאכען נאך זיין פערשטאנד, און געפינען פון איהרעטוועגען א שידוך נאך איהר ווערטה, ד. ה. מיט א סך געלד און פון א גרויסער משפחה. פאָלינקא איז שוין אריינגעגאנגען אין דעם 19טען יאָהר. אז משה ליכטינאָוו האט עפּעס אָבגעקלערט צו טהון, האט דאס באלד געמוזט געשעהן. ער האט אָנגעהויבען פיהרען קאָררעס־פאָנדענציע מיט דיא וועלט־שדכנים, וועלכע האבען זיך נישט געלאָזט לאנג איינ־בעטען און זיינען געקומען קיין מאָגילא. איטליכער מיט זיין פּאק חתנים אין קעשענע, איינער האט איבערגעיאָגט דעם אנדערן, און וויא דיא הונגעריגע וועלף האבען זייא דערפיהלט מענשען־פלייש.... דער קאָררעספאָנדענט בייא ליכטינאָוו'ן איז געוועזן ראבאָווסקי, און אויף איהם איז געפאלען דער גורל ער זאָל פאָהרען אָנ־קוקען דעם חתן וואס מען האט אָנגעשלאָגען פאר פאָלינקען אין דער שטאָדט ג...— ביז צום לעצטען טאָג האט פאָלינקא מיט ראבאָווסקי'ן אפילו נישט גערעדט

קיין ווארט ווענען זיין רייזע קיין נ...., נאר אז פאלינקא האט געהערט אז דער פאטער הייסט שוין ארייגלעגען ראבאווסקי'ס זאכען אין וואגען און שפאנען דיא פערד, איז זיא צוגעגאנגען צו ראבאווסקי'ן און האט אויפגעהויבען אויף איהם איהרע פארקלערטע אויגען. ראבאווסקי האט א ציטער געטהון, עס האט זיך איהם אויסגעוויזען אז פאלינקא קוקט אויף איהם נישט אזוי וויא אלע מאל.

— איהר וועט געוויס מיר נישט אבזאגען און וועט ארויסגעהן אביסעל אין גארטען, האט איהם פאלינקא שטילערהייט געזאגט.

דאס איז געווען אין איינעם פון דיא לעצטע טעג מאי, דיא זונן האט שוין רעכט געבראטען, דער גארטען איז שוין אין גאנצען גרין געווען און פול מיט אראמאט, דיא פייגעלעך האבען געזונגען לוסטיג, דיא היישעריקען האבען געבורטשעט, דיא קאמארים האבען זיך ארומגעדרעהט און באזעצט ראבאווסקי'ס שטרויענעם העט מיט דיא ברייטע רענדער, אונטער וועלכע מען האט ארויסגעזעהן זיינע לאנגע בלאנדע האר וואס האבען זיך צרווארפען אויף זיינע ברייטע אקסלען. דעם העט האט ער געטראגען אויף דעם שפיץ קאפ, מען האט ארויסגעזעהן זיין הויכען ברייטען שטערן מיט דיא גרויסע אויגען. ער איז געגאנגען גיך, האט געווארפען מיט זיינע לאנגע הענד און איז אביסעל וויא אונטערגעשפרונגען. וויא ער האט דערזעהן פאלינקען אין דער אלעע, האט ער אנגעהויבען צו געהן שטילער און איז צוגעגאנגען צו איהר.

— וואס זאגט איהר צו דער הייניגער לופט? האט איהם פאלינקא געפרעגט און האט געקוקט אויף דיא ביימער.

— וואס זאל איך זאגען? האט ראבאווסקי געענטפערט מיט א שמייכעל — איך זאג, אז איבער דער לופט איז זעהר גוט צו רעדען ווען עס געהען אויס רייד, אדער ווען מען וויל זאגען נישט דאס וואס מען טראכט.

פאלינקא האט א קוק געטהון אויף איהם מיט א פארוואורף.

— עס איז שוין ציים איהר זאלט אויפהערען צו שפעטען, יעדע זאך האט זיך זיין צייט. איך האב אייך עפעס צו זאגען... צו פרעגען... צוליעב וועטען פאהרט איהר איצט קיין נ....?

— צוליעב אייך.

— איהר האט מיך דען געפרעגט צו וויל איך אז איהר זאלט פאָהרען, צו איז דאס פאר מיר גוט צו שלעכט ?

ראבאָווסקי איז געבליעבען וויא פערשטיינערט, דאס הארץ האט איהם אזוי געקלאפט, אז ער האט נישט געקענט געהן ווייטער. עס איז איהם אויפגעגאנגען דער געדאנקען: אפשר נאר איך מיך נישט אָב, אפשר האט זיא מיך טאקע ליעב.

— וויפיעל ווערטער האט איהר אויסגערעדט אויף דעם וואָרט „פרייהייט", האט פאָלינקא ווייטער געזאגט, וויפיעל מאל האט איהר אליין געזאגט אז יעדער מענש מוז זיך פריהער אָנפרעגען בייא זיין שכל און דערנאך בייא זיין הארץ ? צום סוף האט איהר מיך נישט געפרעגט און האט מיר קיין צייט נישט געגעבען איך זאָל מיך אָנפרעגען בייא מיין שכל, בייא מיין הארץ ? אָ, ראבאָווסקי ! איהר אלליין גיט אייער האנד דערצו מיר מיין פרייהייט אוועק צו נעהמען, דאס איז נאך ערגער...

— פאָלינקא ! האט ראבאָווסקי איהר איבערגעשלאָגען דיא רייד, איהר ווילט נישט אז איך זאָל פאָהרען קיין נ....? פאר וואס האט איהר מיר ביז היינט נאר נישט געזאגט ?.... איך בין ענטשלאָסען, איך פאָהר נישט מעהר...

— שאט, נישט געחאפט, האט פאָלינקא געענטפערט און איהם אָנגענומען בייא דער האנד, פון וואנען געהמט איהר, אז איך וויל נישט איהר זאָלט פאָהרען קיין נ...? וואס פאר א רעכט האט איהר צו קלערען אזוינס ?

ראבאָווסקי איז וויא אראבגעפאלען פון דעם זיבענטען הימעל.... אָ יא, דוא האסט נאר קיין צייט נישט געהאט — האט ער בייא זיך געקלערט, דוא האסט צו הויך געקוקט און האסט פריהער בעדארפט וויסען דיין אָרט. —

מיט איינמאל האט מען דערהערט פון דער ווייטענס א דינן זילבערן קול'כין: ראָזאליע איז שוין אויסגעלאָפען דעם גאנצען גאָרטען און האט געזוכט ראבאָווסקי'ן ער זאָל שוין פאָהרען.

— נעהם, האט פאָלינקא געזאגט און האט איהם גענגעבען דיא האנד. ער האט זיא אזוי צוגעקוועטשט אז פאָלינקא איז אזש רויטה געוואָרען. זיא האט אויף איהם עטליכע מינוט געקוקט מיט אזוינע אויגען, אז ראבאָווסקי האט דיא בעדייטונג נישט פערשטאנען.

— „אוי, נישט דאס האב איך געוואָלט זאָגען — האט פּאָלינקא געקלערט, אז ראבאָווסקי איז שוין געזעסען אין דעם וואָגען און דאס קלאפּען פון די רעדער האט זיך געהערט פון דעם הויף — נאָט ווייסט, אז נישט דאס האב איך איהם געוואָלט זאָגען.... פאר וואס האב איך איהם אזוי געזידעלט? אָ, טהייערער! ויא וואָלט ער זיך דערפרעהט, ווען איך זאָל איהם געווען זאגען וואס איך טראָג אין הארץ!... און איך האב איהם אזוי אָבגעהאקט די פליגעל!... איך וועל שוין קלוגער זיין: ער וועט נאָר קומען פון נ... וועל איך איהם באלד זאָגען, אין גאנצען אויסזאָגען!...

עס זיינען פערגאנגען מעהר ויא צווייא חדשים, ראבאָווסקי איז שוין לאנג צוריק געקומען פון דער שטאָדט נ... מיט גוטע בשורות, דער חתן איז איהם גע־פעלען, און פּאָלינקא האט איהם נאך אלץ נישט געזאגט „אין גאנצען“, זיא האט אָבגעלעגט פון איין טאָג אויף דעם אנדערן: מאָרגען, מאָרגען וועל איך איהם זאָגען......

אז ראבאָווסקי איז צוריקגעקומען קיין מאָגילא, האט ער געטראָפען א בריעף פון זיינעם א חבר פון ק... ער האט איהם גערופען קיין ק... און האט איהם פער־זיכערט, אז דעם עקזאַמען וועט ער געווים אויסהאלטען און וועט נאך האבען (א לעהרער שטעלע) אויך אויף א יאָהר. ראבאָווסקי האט איהם מיט דאנק אָבגע־ענטפערט און האט איהם צוגעזאגט צו קומען אין מאָנאט אָקטאָבער קיין ק......

פּאָלינקא האט געזעהן אז ער גרייט זיך אָן צו פאָהרען... אויף אייביג...

עס איז געווען דעם 15טען אויגוסט, אין א ווארעמען אבענד, די פינסטערע נאכט מיט איהר שווארצען הימעל האבען אראָבגעקוקט אויף דער ערד, די ביימער האבען זיך געסודעט צווישען זיך, די נאטור איז געשלאָפען... ראבאָווסקי איז ארויסגעגאנגען אין גארטען שפּאצירען. אין דער פינסטערער נאכט האט מען קוים בעמערקט זיין הויכע פיגור ארומגעהן טריט בייא טריט אין דער אַלעע. פלוצים האט ער זיך אנידערגעשטעלט: צו זיינע אויערען זיינען צוגעפלויגען עטליכע אַקאָרדען, פון א בעקאַנטער מעלאָדיע. דאס האט פּאָלינקא געשפּיעלט איהר גע־ליעבטע אומעטיגע פאנטאזיע „דומקא“.... ראבאָווסקי האט זיך פערוואונדערט: עס איז שוין געווען 12 אוהר און זיא שפּיעלט נאך. ער איז צוגעגאנגען צום פענסטער פון איהר צימער. די אומעטיגע מעלאָדיע האט איהם געצויגען צום

הארצען, עס האט זיך איהם אויסגעוויזען, אז עמיצער רעדט און וויינט...... מיט אמאל האט זיך דער געזאנג איבערגעריסען אין מיטען.... עס איז אוועקגעגאנגען א 10 מינוט, האט ער דערזעהן פון־דעם אנדערן עק אלעע א ווייסע פיגור אקעגען איהם.... ער האט זיך געלאזט געהן און איז פלוצים געבליבען שטעהן... ער האט דערזעהן, אז דאס איז א מענשליכע געשטאלט וואס איז שוין ניט ווייט פון איהם נעווען.... דער שרעק איז אלע מאל גרעסער געווארען, פון דעסטוועגען איז ער געגאנגען ווייטער און ווייטער, ביז די ווייסע פיגור איז איהם אויף די הענד גע־פאלען......

— ראבאָווסקי!!!

— פאָלינקא!!!

.........................................................

דער טונקלער אבענד האט גאנץ אומגעריכט צוזאמענגעבראכט די צוויי ליבענדע וואס האבען זייט לאנגער צייט געהאלטען בסוד איינער פאר דעם אנדערן און פאר זיך אליין זייערע געפיהלע.... ראבאָווסקי'ס געזונדע הענד האבען שטארק געהאלטען די ציטערדיגע פאָלינקא, וועלכע האט געוויינט מיט זיסע גליקליכע טרעהרען.... נאָר די שטילע נאכט מיט דעם קליינעם ווינטעלע וואס האט זיך ארום זיי ארומגעדרעהט, האבען געהערט וואס ראבאָווסקי מיט פאָלינקא האבען גערעדט....

א העל בלויער פאס האט זיך געוויזען אויף דעם הימעל; די זונן איז נאך נישט אויפגעגאנגען, נאָר א קיהל ווינטעלע האט זיך צושפּיעלט, די גרויע טהוי האט פארזילבערט דאס גראז; פון דעם הימעל האבען מאט אראָבגעקוקט די לעצטע שטערן — ווען די צוויי ליבענדע זיינען זיך צוגאנגען....

* * *

צעהן גליקליכע טעג זיינען אריבער געפלויגען פאר ראבאָווסקי'ן און פאָלינקען, צעהן טעג, פאר וועלכע זיי וואָלטען נישט גענומען קיין 10 יאָהר לעבען. די עלטערן האבען נאָר נישט געקענט פערשטעהן וואס מיט פאָלינקען איז פאָרגע־גאנגען, וואס מיט איהר איז געוואָרען: זי האט גאנצע טעג געזונגען און גע־שפּיעלט פרעהליכע ניגונים, געקושט די מוטער אלע מינוט, אוועק געשענקט די דיענסטען העלפט פון איהרע קליידער. אפילו די קליינע ראָזאליע האט זיך אויך

נישט נענוג געקענט פּארוואונדערן אויף דער פערענדערונג וואס איז פאָרגעגאַנגען מיט פּאָלינקען. דיא עלטערן האבען גערעכענט אז פּאָלינקא איז געווים צופריעדען, וואס זיא וועט אין גיכען א כלה ווערן.... אָ, עלטערן! איהר האט ליעב אייערע קינדער, נאָר איהר קענט זייא נישט!...

דיא צעהן טעג זיינען געשווינד איבערגעלאָפען וויא אללע טעג פון דעם מענשענס לעבען און אויף מאָנילא האט זיך פּלוצלינג אויסגעגאָסען א שרעק־ליכער שטורם, אויף וועלכען קיינער האט זיך גאר נישט גערעכנט...... צו משה ליכטינזאָו איז אַראָבגעקומען א חתן זעהר א רייכער און א פיינער יונגער מאַן. ער האט זיך געהאלטען שטאָלץ, גרויס, אריסטאָקראטיש, ער האט פערבלענדעט דיא אויגען מיט זיין פראנצעזיש רעדען און מיט זיין עשירות. ער איז משה ליכטינזאָו זעהר געפעלען און זיין ווייב חנה האט פשוט אָנגעקוואָלען פאר פערגניגען. אויף דעם פינפטען טאָג האט ער געבעטען בייא פּאָלינקען דיא האנד. זיא האט איהם אָבער אָבגעזאָגט און ער האט גלייך געמוזט מיט בזיונות אוועקפאָהרען פון מאָנילא.

פּאָלינקעס עלטערן זיינען געוועזען אויסער זיך און האבען דאס גאר נישט גע־קענט פערשטעהן.

משה ליכטינזאָו איז אריינגעקומען צו דער טאָכטער אין צימער און האט זיך געווענדעט צו איהר מיט דיא ווערטער:

— זאג מיר חאָטש, מיין יוריסט, מיט וואס געפעלט דיר נישט דער חתן? וואס פאר א חסרון האסט דוא אין איהם געפונען?

— איך האב אין איהם קיין שום חסרון נים געפונען, האט פּאָלינקא געענט־פערט, וויל איך האב בייא איהם נישט געזוכט נישט קיין מעלות, נישט קיין חסרונות.

— איך פערשטעה נישט וואס דוא זאָגסט, האט איהר דער פאטער געזאָגט.

פּאָלינקאָ איז פלוצים אויפגעשטאַנען און האט מיט א ציטערדיג קול זיך געווענדעט צום פאטער:

— טהייערער פאטער! איך קען דיך שוין מעהר נישט נארען.... איך מוז דיר דעם אמת זאגען... איך קען נישט זיין קיינעמס כלה... איך ליעב ראבאָווסקין... אונזער ראבאָווסקין! און ער מיך אויך... איך וויל זיין זיינע...

וויא א דונער האבען דיא רייד געטראָפען משה ליבטינאָוו, ער איז שיער נישט אראָבגעפאלען פון דער שטוהל און האט זיך אָנגעחאפט ביים עק טיש, דיא הענד האבען איהם געציטערט. עטליכע מינוט איז ער געזעסען פארשטיינערט און האט נישט געקענט ארויסברענגען קיין וואָרט. א שרעקליכע קללה האט ער ארויס־געלאָזט פון זיין מויל און מיט זיין קול האט ער א געשרייא געטהון: חנה!!

חנה איז אריינגעלאָפען אין צימער נישט טויט נישט לעבעדיג, זיא האט געוואָרפען איהרע אויגען באַלד אויף דעם מאַן, באַלד אויף דער טאָכטער, זיא האט געפיהלט אז דאָ איז געוועזען עפעס שרעקליכעס.

משה ליבטינאָוו האט איהר מיט דעם פינגער אָנגעוויזען אויף פּאָלינקען, וועלכע איז געשטאַנען בלאַסער פון דער וואנד:

— „חנה! זיא זאגט... ראבאָווסקין.... זיא האט איהם ליעב. חא! חא! חא!“ ער האט זיך אזוי שטארק צולאכט און מיט אזא משונה קול, אז דיא פענסטער האבען געקלונגען.

• • • • • • • • • • • • • • • • • • • • • • • • • • • • • • • • • • • • • •

דעם איינענעם טאג מיט 2 שעה שפעטער, איז ראבאָווסקי געזעסען אין דעם קערעדזש, וועלכער האט איהם פאר 3 יאָהר געבראכט פון גאָטליב קיין מאָגילאָ, דיא דרייא פערד האבען איהם וויעדער צוריקגעפיהרט קיין גאָטליב, וואוהין מען האט איהם נעבעטען עקסטרא פאָהרען זיך זעהן מיט א מענשען. הינטען איז נאכ־געפאָהרען משה ליבטינאָוו. פאר נאכט זיינען זייא אָנגעקומען קיין גאָטליב און האבען זיך אָבגעשטעלט אין א קליין שטיבעל. אין עטליכע מינוט ארום איז אריינ־געקומען אין שטיבעל דער פריסטאָוו מיט א סאָלדאט. א שעה שפעטער איז שוין ראבאָווסקי געווען פארשלאָסען אין א פינסטער חדר: ער האט בייא זיך נישט געהאט קיין פאספּאָרט. משה ליבטינאָוו האט שכל געהאט אָבצואַרבייטען א געשעפט!......

משה ליבטינאָוו איז אייגענטליך גאר נישט געווען אזא שלעכטער מענש וויא דיא לעזער קענען קלערען, קיין גרויסער פאנאטיקער איז ער — וויא איהר זעהט — נישט געוועזען. ער איז נאָר געוועזען א גרויסער עקשן, וואס האט פון זיך געהאלטען א וועלט. ווען מען זאָל איהם געוועזען פריהער ביסלעכווייז פאָרבערייטען, וואָלט ער

זיך אפ'ער געוועזען באקלערט, אז ראבאווסקי איז ווערטה צו זיין פאלינקעס חתן, האט'ש עד איז נישט געוועזען רייך, ובפרט אז זיא האט איהם אזוי ליעב געקריגען; נאר מען האט איהם מיט אמאל איבערגעצויגען דאס שטריקעל, דערפאר האט עס געמוזט איבערגעריסען ווערן, ער האט גערעכענט, אז אזא ארים בחור וויא ראבאווסקי, וועלכען ער האט צו זיך אריינגענומען וויא אן אייגען קינד, האט געקענט האבען דאס עזות, ליעב צו קריגען זיין איינציגע טאכטער אהן זיין וויסען — איז ער ווערטה מען זאל איהם הענגען אדער טרענקען. משה ליכטינאוו איז אזוי אויפגעבראכט געוועזען, אז ער האט גאר נישט געוואלט איבערלעגען, צו מהוט ער גוט, צו שלעכט. וויא ער האט נאר באווארינט ראבאווסקי'ן, איז ער געפאהרען אהיים און האט אנגעהויבען ארבייטען מיט פאלינקען, דווקא אהן כעס, נאר מיט ווייכע רייד. ער האט איהר דערצעהלט, אז ראבאווסקי, וויא ער איז געוואהר געווארען, אז פאלינקא האט זיך מודה געוועזען פון זייער ליעבע, האט ער זיך געבעטען אוועק צו פאהרען קיין ק... און האט איהם גענעבען צו פערשטעהן, אז נישט פאר גרויס ליעבע האט ער פאלינקען געוואללט, נאר דערפאר ווייל מען וועט איהר געבען א גרויסען נדן, און נאך אזעלכע ווערטער. וואס האבע' אנבאנג וועניג געווירקט אויף פאלינקען. זיא האט גוט געקענט ראבאווסקי'ן. נאר משה ליכטינאוו האט נישט געשלאפען, ער האט זיין טאכטער ליעב געהאט און האט נישט געזשאלעוועט קיין כוחות ארויסצוטרייבען פון איהר קאפ דיא געדאנקען פון ראבאווסקי'ן, ער האט איהר געוויזען א וויכטיגען סימן, אז ראבאווסקי האט זיא שוין לאנג פארגעסען, ווייל ער שרייבט איהר אפילו קיין בריעף נישט. דיא ארימע פאלינקא, זיא האט נים געוואוסט, אז ראבאווסקי זיצט פערשלאסען. דיא לעצטע ווערטער האבען שוין געהאט אויף איהר איין איינדרוק, זיא האט ארויסגעקוקט אויף א בריעף א וואך, 2, 3 און 4, פיעל טרעהרען האט זיא פארגאסען, זיא האט שוין אויפגעהערט צו בעשולדיגען דיא עלטערן: זייא זיינען געוועזען אומגליקליך גלייך מיט איהר.

אזוי זיינען פערגאנגען פאר פאלינקען 2 מאנאט, זיא האט נישט געגעסען, נישט געטרונקען, נישט גערעדט און נישט געוויינט, זיא איז שטענדיג געזעסען ביים פענסטער און האט ארויסגעקוקט אין הויף — ביז זיא איז קראנק געווארען און האט זיך געמוזט לעגען אין בעט אריין. דיא עלטערן האבען זיך איבערגעשראקען און האבען זיך ענטשלאסען זיא צו פיהרען קיין גאטליב צו א דאקטאר. חנה האט

